בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קל"ה

פרשת מקץ - חנוכה
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת עֵקֶב שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ?

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פַאר דִי זְכִיָּה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע מְנַהֲלִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים און זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע מְלַמְּדִים הֶערְן אוֹיס דֶעם שִׁיעוּר.

אַ מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר אַז עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ פְרֶעג אִים: **"וָואס גֵייט פָאר?"** זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים און צְוֵויי דְרֵיי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעוִוילְדֶעוֶועט און צֶעלָאזְט, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶערְפַאר הָאט עֶר חֲלִישׁוּת הַדַעַת וַוייל עֶר לֵייגְט דָאךְ אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים און דָא זֶעט עֶר אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרְן.

אִיךְ הָאבּ מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַארְן מַגִּיד שִׁיעוּר עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מְחַנְּכִים צוּ וִויסְן כְּדֵי נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, און אַזוֹי וִוי יֶעדֶער וָואס טוּט מִיט אַנְדֶערֶע - קֶען נוּצְן חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן, וֶועלְן מִיר הַיינְט רֶעדְן פוּן דֶעם בַּיים שִׁיעוּר.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד. דֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ קִינְד אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען חוּצְפָּה'דִיג צוּ זַיין מְלַמֵּד און מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט בַּאשְׁטְרָאפְן. אִיךְ פְרֶעג דֶעם מְנַהֵל: "**וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז דֶער קִינְד הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט חוּצְפָּה? מֵילָא אַ קִינְד וָואס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט, לֶעבֶּעדִיג און זֶעלְבְּסְט-זִיכֶער, דַארְף מֶען אַמָאל גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף צוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער דֶער אִינְגְל קֶען זִיךְ דָאךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל פוּן יָאר צוּ יָאר?**"

זָאגְט מִיר דֶער מְנַהֵל: "**אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט דֶערוֹיף, און אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן, זָאגְט מִיר דֶער טַאטֶע אַז דָאס אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה וָואס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן צְוֵויי יָאר; צְוֵויי יָאר אִין אַ צִי בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין זוּן זָאל זִיךְ אַנְטְוִויקְלֶען און עֶפֶענֶען אַז מֶען זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל בִּיז הַיינְט פְלֶעגְט זִיךְ דָאס קִינְד נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און זִיךְ רִירְן פוּן פְּלַאץ אִין כִּתָּה, און זִיכֶער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ טוּן אַ חוּצְפָּה, פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק און אוּמְזִיכֶערְקֵייט, דֶערְפַאר הָאט מֶען אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ; אָבֶּער יֶעצְט אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעשֶׁען דֶער נֵס אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעקֶענְט אָנְרוּפְן אִין כִּתָּה, און מֶען הָאט אִים גֶעקֶענְט מְחַנֵּךְ זַיין אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ**".

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן, אִינְמִיטְן דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט עֶר אִים: "**וְאַל תַּבִּיט בִּפְנֵי אָדָם בְּדַבֶּרְךָ עִמּוֹ**", וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין פָּנִים.

דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קוּקְן אַ צְוֵוייטְן אִין פָּנִים, עֶר קוּקְט אַלְץ אַרָאפּ צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ און עֶר הָאט אַלְץ מוֹרָא אֶפְשָׁר גֵייט אִים יֶענֶער אוֹיפְעֶסְן... וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט און צוּ אִים רֶעדְט מֶען נִישְׁט; דֶער רַמְבַּ"ן רֶעדְט צוּ אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען קוּקְן אַ צְוֵוייטְן אִין פָּנִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן, עֶר זָאל רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט הַכְנָעָה, אֵיידְל און צוּרִיק גֶעצוֹיגְן.

### חֲלִישׁוּת הַדַעַת

[אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן, וַוייל מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט מִיר אַלְץ גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֵיינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בְּרִיוו. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אִין קֶעמְפּ, פְלֶעג אִיךְ יֶעדְן טָאג אַהֵיים רוּפְן, און מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' פְלֶעגְט מִיר פְרֶעגְן: **"יוֹאלִ'יש הָאסְט בַּאקוּמֶען מַיין בְּרִיוו?"** הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"נֵיין"**, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו, עֶס אִיז אַרַיינְגֶעדְרוּקְט בַּיים סוֹף פוּנֶעם סִידוּר, דִי אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ"ן"...**]

דִי תַּלְמִידִים וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, און וָואס דֶער מְלַמֵּד הֵייסְט - טוּעֶן זֵיי גְלַייךְ, פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק און אוּמְזִיכֶערְקֵייט, מֵיינְט בִּכְלַל נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל זֵייעֶר אֵיידֶעלֶע אוֹיפְפִירוּנְג אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תּוֹצָאָה פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן זִיךְ עֶפֶּעס אָנְצוּרוּפְן הוֹיךְ אִין כִּתָּה.

נָאר דִי גֶעזוּנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן דָאס מֶעגְלִיכְקֵייט זִיךְ אָנְצוּרוּפְן מִיט חוּצְפָּה, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט צוּ זָאגְן פַארְן מְלַמֵּד: **"נֵיין!"** קֶען מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען מִיט סַבְלָנוּת, אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מְלַמֵּד, און מֶען דַארְף פָאלְגְן

וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, אוּן זֵיי וֶועלְן בַּיים סוֹף וֶוערְן בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ.

## דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד פַאְרלַאנְגְט זִיךְ אַבִּיסְל מֶער אַרְבֶּעט צוּ קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לָאזְט דָאךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיר נִיצְן אוֹיךְ נִישְׁט דִי מִיטְלֶען פוּן נֶעמֶען אַ קִינְד וָואס פָאלְגְט נִישְׁט אוּן אִים אַהֵיימְשִׁיקְן, אָדֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּבּ פַאר פוּפְצְן מִינוּט, וַוייל דָאס הֶעלְפְּט נִישְׁט נָאר אוֹיפְן טָאג, דָאס קֶען נֶעבֶּעךְ הֶעלְפְּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע זִיבֶּעצִיג יָאר... וַוייל קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי - קֶענֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דֶעם דִיבּוּר, אָדֶער בְּלַייבְּן דֶערְשְׁרָאקְן פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, פַאר אִים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט וֶוען עֶס שַׁיינְט אַ לֶעקְטֶער אִין צִימֶער, אָבֶּער עֶר מוּז אַלְץ לָאזְן אָנְגֶעצִינְדְן אִין זַיין צִימֶער אֵיין קְלֵיינֶע לֶעקְטֶער, וַוייל זַיין וַוייבּ הָאט מוֹרָא צוּ שְׁלָאפְן אִין טוּנְקְל. וַוייל וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַ פִינְף יֶערִיג קִינְד הָאט מֶען אִיר גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָאט מֶען אִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע צִימֶער פַאר פוּפְצְן מִינוּט, אוּן הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג יָאר אוּן זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין מֹחַ מִיט אַ פַּחַד צוּ טוּנְקְלְקֵייט.

אַז מֶען וִויל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה אִיז דָא אֵיין וֶועג, צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אִין כִּתָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ".**

אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד הֵייסְט אַ קִינְד עֶר זָאל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ אוּן דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט דָא זִיצְן, אִיךְ גֵיי נִישְׁט דָא זִיצְן!"** מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, נָאר דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְטֶער נַאטוּר פוּן נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁלָאגְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, אוּן מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן וָואס מֶען הֵייסְט. מֶען דַארְף בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אַז דָאס קִינְד דַארְף פָאלְגְן אוּן עֶר גֵייט פָאלְגְן, אוּן מֶען זָאל אִים נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן: **"דוּ גֵייסְט זִיךְ שֵׁיין אַרָאפְּזֶעצְן וואוּ דֶער רֶבִּי הֵייסְט, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ".**

שְׁרֵייעֶן, קְוִויטְשֶׁען אוּן טַאנְצְן וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַ נְסִיעָה

מֶען דַארְף אוֹיךְ וִויסְן, וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן צֶעלָאזְט וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַ נְסִיעָה, טָאר מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג, אַז מֶען הֵייבְּט אָן שְׁרַייעֶן, קְוִויטְשֶׁען אוּן טַאנְצְן, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר זֵיי.

וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס וֶוען מֶען פָארְט אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר אַז מִיט דִי קִינְדֶער קֶען מֶען גֵיין צוּם טִישׁ, זֵיי זֶענֶען דִי רִיכְטִיגֶע חֶבְרָה... וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעלֶערְנְט בַּיי עֶנְק אַלְס קִינְד וָואלְט עֶטְץ אֶפְשָׁר אוֹיךְ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן מִיר, וַוייל אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג אַלְס קִינְד אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים.

## וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס פּוֹיקְט אַ גַאנְצְן טָאג?

אַ מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מִיר אַז עֶר הָאט אַ קִינְד אִין זַיין כִּתָּה וָואס אִיז זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג, עֶר פּוֹיקְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיפְן טִישׁ, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"קוֹדֶם כָּל דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְט קִינְד, עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט אוּן לֶעבֶּעדִיג, נָאכְדֶעם, אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט אִים בַּארוּאִיגְן - קֶענְסְטוּ אִים מְכַבֵּד זַיין צוּ פּוֹיקְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וֶועט אִים נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן פּוֹיקְן אַ גַאנְצְן טָאג. אָבֶּער עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין פֶּעטְשׁ פַאר אַ קִינְד וָואס פּוֹיקְט אִין כִּתָּה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁלָאגְן בִּיז עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ פּוֹיקְן, קֶען עֶר נֶעבֶּעךְ וֶוערְן אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג".**

## נִישְׁט הָאבְּן קֵיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶסְן

אִיךְ וִויל עֶנְק מְחַזֵק זַיין אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ. אַסַאךְ מְלַמְּדִים שְׁפִּירְן בַּיים פָארְלֶערְנֶען וִוי זֵיי רֶעדְן צוּם וַואנְט וַוייל קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, אוּן מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן מִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט הָאבְּן'. אָדֶער הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער גֶעהֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן: **"דֶער פַארְיֶערִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ בֶּעסֶער", "דֶער בִּמְקוֹם וָואס אִיז נֶעכְטְן גֶעוֶוען, אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן דֶער רֶבִּי", "אַן אַנְדֶערֶער רֶבִּי אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי", "דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט קֵיין נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ".**

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מֶען טָאר עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְצְן אוּן הָאבְּן פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַעַת; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט, פַארְלוֹירְן, צֶעבְּרָאכְן אוּן אַנְטוֹישְׁט. מֶען טָאר נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם בַּאשְׁלִיסְן: 'אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט קוּקְן דֶעם קִינְד אִין פָּנִים', 'אִיךְ גֵיי אִים מֶער נִישְׁט אוֹיסְקְלוֹיבְּן צוּ אַרוֹיפְקוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ', 'עֶר קֶען מֶער נִישְׁט זַיין גַבַּאי', אוּן 'עֶר קֶען מֶער נִישְׁט גֶעווִאוּנֶען קֵיין גוֹרָלוֹת'.

גֶעדֶענְקְט: קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ לַאכְן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן עֶנְק, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז פָּשׁוּט דֶער שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי קִינְדֶער רֶעדְן - קִינְדֶערִישׁ לוֹיט זֵייעֶרֶע הַשָּׂגוֹת, אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט אַלְס קִינְד אוֹיף אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים.

## וָואס גֵייט דִיךְ אָן אוֹיבּ מֶען הַאלְט פוּן דִיךְ?

בִּכְלַל אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג אַז דֶער גַאנְצֶער גֶעפִיל צוּ דִי קִינְדֶער זָאל זַיין אָפְּהֶענְגִיג אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הַאלְטְן פוּנֶעם מְלַמֵּד אָדֶער נִישְׁט. אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ: 'אִיךְ דַארְף מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער הַאלְטְן אוֹיף מִיר'.

אֲפִילוּ מֶען הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעהֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ: **"דֶער פַארְיֶערִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ בֶּעסֶער"**, דַארְף מֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן טָאג כְּאִילוּ זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ יָא שְׁטֶעלְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

מֶען דַארְף זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף דֶעם עִנְיָן, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג גֵיין אוּן רֶעדְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין זַיין כִּתָּה אַ אִינְגְל וָואס הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶוען

המשך

# שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, בִּיז עֶר הָאט יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

### אוֹיסְהֶערְן כְּאִילוּ מֶען רֶעדְט פוּן אַ דְרִיטְן

וֶוען מֶען הֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז דֶער פַארְיֶערִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בֶּעסֶער וְכוּ', דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְהֶערְן כְּאִילוּ זֵיי רֶעדְן נִישְׁט פוּנֶעם מְלַמֵד, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט פוּן אַ דְרִיטְן.

מֶען זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט בַּיי אַ בַּאבֶּע'ס הוֹיז אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ יוּנְגֶע קָאזִין (שְׁוֶועסְטֶער קִינְד), מֶען אִיז אַרַיין מִיט אִים אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זַיינֶע מְלַמְדִים, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן אַז עֶר הָאט מֶער לִיבּ גֶעהַאט זַיין פַארְיֶערִיגֶער מְלַמֵד... דָאס וָואלְט מֶען נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען וִוי אַ טְשֶׁעפֶּע, נָאר מֶען וָואלְט גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן עֶס וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן פוּן אַ קִינְד וִוי עֶר פַארְשְׁטֵייט שוֹין מִיט זַיין שֵׂכֶל וֶוער עֶס אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵד אוּן וֶוער נִישְׁט...

### קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן נֶעמֶען עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נוֹגֵעַ פַאר מְלַמְדִים, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר עֶלְטֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים.

וֶוען אַ קְלֵיין קִינְד שְׁרֵייט אוֹיף דִי מַאמֶע: **"דַאדַא מַאמִי", "עֶקְלְדִיגֶע מַאמִי"**, אוֹיבּ דִי מַאמֶע אִיז קְלוּג וֶועט זִי עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, זִי וֶועט זִיךְ צוּשְׁמֵייכְלֶען אוּן טְרַאכְטְן וִוי לַאכֶעדִיג עֶס אִיז צוּ זֶען וִוי אַ קְלֵיין קִינְד פַארְשְׁטֵייט שוֹין מִיט זַיין שֵׂכֶל אַז זַיין מַאמֶע אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע מַאמֶע...

אָבֶּער אַ מַאמֶע מִיט אַ קַטְנוּת הַמוֹחִין וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זִי וֶועט גֵיין זוּכְן אַ טֶערָאפִּיסְט וואוּ זִי קֶען זִיךְ גֵיין אוֹיסְרֶעדְן אִיר וֵוייטָאג אַז זִי אִיז זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן קִינְד, זִי הָאט אִים מַמָשׁ לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט נֵייעֶ שִׁיךְ, אוּן דָאס גֶעבְּט עֶר אִיר צוּרִיק אַז עֶר זָאגְט אוֹיף אִיר דַאדַא מַאמִי, עֶקְלְדִיגֶע מַאמִי?! אוּן וָואס גֵייט דֶער טֶערָאפִּיסְט טוּן? עֶר גֵייט זָאגְן אַז מֶען מוּז אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען דֶעם קִינְד צוּ טֶערָאפִּי, אוּן נָאכְן רֶעדְן מִיטְן קִינְד וֶועט עֶר צוּקוּמֶען אַז עֶר הָאט צוּגֶעטְרָאפְן צוּם שׁוֹרֶשׁ פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אַז דָאס קִינְד לַיידְט פוּן אַ טִיפֶע טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע...

לֵיידֶער אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער, דָאס אִיז מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם; אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין קִינְד הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אוֹיסְשְׁלַאג אוֹיף זַיין הוֹיט, מֶען הָאט גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד צוּ אַ מוּמְחֶה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"דָאס קִינְד לַיידְט פוּן אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, וָואס דָאס קוּמְט פוּן אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע וָואס דִי מַאמֶע הָאט גֶעהַאט נָאךְ פַאר דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן"...** [אוּן פוּן וואוּ קוּמְט דִי מַאמֶעס דֶעפְּרֶעסְיֶע? אֶפְשָׁר פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶס גֵייט שוֹין צוּרִיק צוּ עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת אַרוֹיף...]

אַז מִיר וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֶעגְן אוּנְז, וֶועלְן מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אָן חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן - מַאךְ זִיךְ כָאטְשִׁיג וִויסְנְדִיג; גֶעבּ זֵיי עֶפֶּעס, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט. אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ רַייכֶע קָרְבַּן - הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ פֵייגֶעלֶע.

מַאךְ זִיךְ וִויסְנְדִיג פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים, טְרַאכְט אַ מִינוּט אַרַיין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אֵיין טָאג מִיט דִי קִינְדֶער; זֵיי זִיצְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט נָאךְ קִינְדֶער; זֵיי אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייז זֵיי אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטוֹב.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רוּפְט דִיר פוּן דִי מוֹסָד צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - מַאךְ זִיךְ וִויסְנְדִיג, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף צוּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דִי הַנְהָלָה פַארְוָואס נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי וִוי מֶען צָאלְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי לֶעקְטֶער אוּן גֶעז, וְכַדוֹמֶה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט - הַאקְט מֶען אָפּ; אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין לֶעקְטֶער - הַאקְט מֶען אָפּ דִי לֶעקְטֶער, אוּן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין גֶעז - הַאקְט מֶען אָפּ דִי גֶעז, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וֶוער זָאגְט אַז בַּיי שְׂכַר לִימוּד אַז נִישְׁט אַזוֹי? בַּיי שְׂכַר לִימוּד הַאקְט מֶען אוֹיךְ אָפּ דִי סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא פוּן הִימְל פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

אַז מֶען רוּפְט דִיךְ פוּן דִי מוֹסָד - זָאלְסְטוּ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; נִישְׁט זִיךְ וִויסְנְדִיג מַאכְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער מַיינֶע?' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַשַ"ב פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שַׁארְפֶע הוֹרָאָה: "אַזוֹי וִוי אַ אִיד הָאט אַ חִיוּב יֶעדְן טָאג אָנְצוּטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אִיד אַ חִיוּב זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה יֶעדְן טָאג, אוֹיף טְרַאכְטְן וֶועגְן דִי חִינוּךְ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ פַארְזִיכֶערְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג וָואס מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ".

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל זַיין אִין שְׁטֶעטְל בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה, דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי וֶועט דִי וָואךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל. יֶעדֶע מָאל אִיךְ קוּם אַהֶער וֶוער אִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָּה, פוּן דִי חֶסֶד, פוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דִי אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיְחִי תשפ"ג)

## אַז דֶער טַאטֶע קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, זָאל דִי מַאמֶע צִינְדְן מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אַז אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, זַיין סֵדֶר אִיז פַארְדְרֵיידְט; עֶר שְׁלָאפְט בַּייטָאג אוּן אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶר קוּמְט עֶרְשְׁט אַהֵיים פַארְטָאגְס – זָאלְט אִיר צִינְדְן דִי מְנוֹרָה.

נֶעמְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן צִינְדְט מִיט זֵיי דִי לִיכְט, זִינְגְט מִיט זֵיי דִי שֵׁיינֶע חֲנוּכָּה נִיגוּנִים אוּן עֶסְט דִי גוּטֶע חֲנוּכָּה עֶסְן; מַאכְט זִיכֶער מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז חֲנוּכָּה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט; גֵייט אָן מִיט אַייעֶר לֶעבְן, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְן כֹּחַ צוּ זַיין דִי טַאטֶע אוּן דִי מַאמֶע, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן. בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל אַייךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אַייעֶר מַאן, עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל פַאר אַייךְ, אִיר זָאלְט הָאבְן כֹּחַ אוּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ תשפ"ב)

## וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְן גֶעלט וָואס זֵיי הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶעס, פּוּרִים גֶעלְט אוּן חֲנוּכָּה גֶעלְט, מַיין צֶען יֶערִיגֶע לֵייגְט אַוֶועק דָאס גֶעלְט, מַיין אַכְט יֶערִיגֶע שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, טוּישְׁט עֶס אוֹיף יֶעדֶע פָּאר טֶעג אוֹיף קְלֶענֶערֶע אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק צוּ גְרֶעסֶערֶע, אוּן דִי פִינְף יֶערִיגֶע וִויל נָאר קוֹיפְן זַאכְן אוּן עֶס אוֹיסְגֶעבְן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן, עֶס לָאזְן בַּיי זֵיי, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי, אָדֶער עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר זֵיי פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִירְט עֶס צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי אוּן אָפְּשְׁרַייבְן וִויפִיל זֵיי הָאבְן בַּיי מִיר, אָבֶער יֶעדֶע פַאר טֶעג בֶּעטְן זֵיי עֶס צוּרִיק, אָדֶער וִויל עֶר עֶפֶּעס קוֹיפְן דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן וָואס עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי וֶועט מֶען טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פְרֶעגְן אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן – דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער – אַז אַ אִיד פְרֶעגְט זַיינֶע פְרַאגֶעס; מֶען גֵייט צוּם דַיָּין, צוּם רָב, מֶען פְרֶעגְט. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי טוּן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן – וֶועלְן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד – זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין.

לֵייג אַוֶועק זֵייעֶר חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט – בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי דָאס גֶעבְן. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְן גֶעלְט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעבְן פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עצתו אמונה יום טוב פסח תשפ"ג)


**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -





קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876